

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת נשא

# נישט זיין קיין גנב

פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים
כמר **אהרן יודא שלעזינגער** ני"ן
מיט ליבשאפט,
פון דיין טאטע

# נישט זיין קיין גנב

## ירושלים

די קינדער פון רבי נייבוים׳ס כתה זענען געזעצן מיט יראת הכבוד בשעת דער רבי האט פארגעלערנט איבער דער ענין פון נזירות אין פרשת נשא. אלע האבן זיך צוגעהערט מיט אינטערעס, ווען אין זייער קאפ פרובירן זיי זיך פארצושטעלן דאס בילד ווי אזוי וואלט עס אויסגעזען ארומצוגיין אזא לאנגע צייט אן זיך שערן די האר...

״פארוואב האבן מיר נישט קיין נזירים היינטיגע צייטן?״ האט דוד געפרעגט? ״איך וואלט ליב געהאט צו זיין א נזיר. איך וואלט געלאזט וואקסן מיין האר לאנג און דערנאך וואלט איך עס אפגעשוירן און מנדב געווען פאר א מענטש וואס האט נעבעך נישט קיין האר, אז ער זאל עס קענען טראגן און מער נישט דארפן אויסזען אנדערש ווי יעדן.״

רבי נייבוים האט זיך צושמייכלט. ״קוק אהער דוד, מיר האבן נישט היינט קיין נזירים ווייל מיר האבן נישט קיין בית המקדש און צוליב דעם זענען מיר טמא. א נזיר דארף ברענגען קרבנות ביים סוף פון זיין נזירות און דאס איז נישט מעגליך היינטיגע צייטן. אבער אפילו ווען משיח וועט קומען במהרה בימינו וועט א נזיר נישט קענען אוועקגעבן זיינע האר אפילו פאר א חסד. די האר פון דעם נזיר ווערט פארברענט אונטער דער כלי אין וואס זיין קרבן ווערט אפגעקאכט.

״מען פארברענט די האר?״ האט שמואליק אויסגערופן פארוואונדערט.

״פארוואס האט מען אזוי געטון?״ האט דוד צוגעלייגט.

״אזוי, דאס איז א חלק פון דער עבודה פונעם נזיר,״ איז רבי נייבוים מסביר. ״יעצט וועלן מיר ענדיגן דעם שיעור, און מארגן אי״ה וועלן מיר ממשיך זיין אין דעם ענין.״

דער גלאק האט געקלינגען. שמואליק און דוד האבן געכאפט זייערע זאכן און געלאפן כאפן דעם באס אהיים, נאכאלץ טראכטנדיג ווי אזוי די גאסן פון ירושלים וואלטן אויסגעזען ווען די אלע הייליגע נזירים וואלטן פארפילט די גאסן.

## אויפן אגד באס

שמואליק און דוד זענען געזעצן אין זייער זיץ שמועס׳דיג געמיטליך.

״איך האב נעכטן גערעדט אויפ׳ן טעלעפאן צו מיין קאזינ׳ס פון אמעריקע,״ האט דוד מיטגעטיילט מיט שמואליק, ״און זיי האבן מיר דערציילט אז באנדעס פון גוים האבן פראטעסטירט נעבן זיין הויז, ממש אפאר גאסן אוועק!״

"וואה, וואס איז געשען," האט שמואליק געפרעגט נייגעריג.

"ס'איז געווען געפערליך! הונדערטער פראטעסטירערס האבן צעקראכט די פענסטערס פון א גרויסע דעפארטמענט געשעפט און גע'גנב'ט אלע זאכן פון דארט, און נאכן אויסליידיגן דעם גאנצן געשעפט האבן זיי עס אונטערגעצינדן אין פלאמען!"

"געפערליכע משוגעים!" האט שמואליק אויסגעשריגן, "איך קען נישט פארשטיין ווי די געפערליכע באנדיטן קענען אזוי גלאטיג צוגיין און גנב'ענען זאכן וואס זענען נישט זייער'ס!"

"יא יא, שמואליק, יעדער גנב גנב'ט נאר זאכן וואס זענען נישט זיינע, ווען נישט וואלט עס נישט געהייסן גנב'ענען..."

שמואליק האט זיך צושמייכלט ווען א באקאנטע קול האט זיך געהערט פון אונטער זיין ריקן, "געוויס קינדער, מיר דארפן אויך זיין פארזיכטיג נישט צו גנב'ענען אפילו זאכן וואס באלאנגען צו אונז!"

די קינדער האבן זיך אויסגעדרייט צום קול פון זייער באליבטער רבי.

אה, רבי נייבוים, מיר האבן אייך נישט באמערקט. דא, זעצט אייך," האבן די קינדער געוויזן אויף זייער זיץ. רבי נייבוים האט זיך ווארעם באדאנקט פאר דוד וועלכער האט זיך אויפגעשטעלט צו מאכן פלאץ פאר'ן רבי'ן.



"וואס מיינט גנב'ענען זאכן וואס באלאנגט צו אונז?" האט שמואליק נישט פארשטאנען, "אויב סאיז מיינס הייסט דאס נישט גנב'ענען."

"קינדער, ענק וועלן נישט דארפןווארטן אויפן מארגנדיגע שיעור צו הערן דעם תשובה צו דער שאלה וואס ענק האבן היינט געפרעגט איבער די האר פונעם נזיר.

די גמרא דערציילט פון א מענטש וואס האט געזען אין וואסער אן אפשפיגעלונג פון זיין פנים און האט באמערקט זיינע שיינע האר. אין יענע מינוט האט ער באקומען א געפיל פון גאוה אויף וואס ער האט חרטה געהאט. ער האט גלייך פארשטאנען אז זיין קערפער איז א מתנה פון באשעפער אים צו דינען און נישט עפעס מיט וואס ער קען זיך גרויסן. און גלייך נאכדעם האט ער מחליט געווען צו ווערן א נזיר אז ער זאל קענען פארברענען זיינע שיינע האר פאר השי"ת ווען זיין נזירות וועט זיך ענדיגן.

הגה"צ רבי אביגדור מיללער ז"ל ברענגט אז די מעשה לערנט אונז אז אלעס וואס מיר פארמאגן אויף דער וועלט באלאנגט צו השי"ת. זיי זענען נאר 'אונזערס' צו ניצן פאר עבודת השם. אפילו זאכן וואס מיר קויפן אין געשעפט מיט אונזער אייגענע געלט - מיר האבן טאקע געצאלט פאר דעם אבער עס באלאנגט פאר השי"ת. אויב מיר גייען ארויס פון געשעפט און מיר מיינען אז די זאכן וואס מיר האבן זיך איינגעהאנדלט איז אונזערס זענען מיר נישט קיין סאך בעסער ווי מענטשן וואס ברעכן זיך איין אין געשעפטן אוןליידיגן עס אויס."

## ביי נאכטמאל

"א גרויסן יישר כח מאמי," האט זיך דוד הערצליך באדאנקט ווען די מאמע האט אראפגעשטעלט פאר אים א טעלער שניצל און קארטאפל. "ס'זעט אויס דעלישעס!"

"זייער גערן, זאל זיין צו געזונט," האט די מאמע צוריקגעשמייכלט, גייענדיג פון קינד צו קינד צו ענטפערן אמן אויף זייערע ברכות.

דוד האט שוין כמעט געוואלט אפמורמלען א ברכה און אנהייבן צו עסן ווען ער האט זיך דערמאנט פון דער גנב פון וועמען רבי נייבוים האט גערעדט היינט אויפן באס. דוד האט זיך איבערגעטראכט, 'בין איך דען א גנב? דאס איז דאך נישט מיין עסן - די גאנצע טעלער באלאנגט פאר השי"ת. ער גיבט מיר רשות דאס צו עסן נאר אז איך זאל האבן כח אים צו דינען.' דוד האט געמאכט א הויכע ברכה מיט כוונה און געגעסן מיט דרך ארץ ווי עס שטייט אין שלחן ערוך!



**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**